# LESSON 10

## צענטע לעקציע

### פֿאַר וואָס?

אַ ייִד האָט אַ מאָל געפֿרעגט בײַ אַ חבֿר:

„דערקלער מיר, איך בעט דיך. פֿאַר וואָס שײַנט די זון זומערצײַט, ווען עס איז צו וואַרעם און מען דאַרף זי ניט האָבן, אָבער ווינטערצײַט, ווען עס ווערט קאַלט, ווען עס גייט אַ רעגן און אַ שניי — דעמאָלט איז די זון ניטאָ?"

דער אַנדערער ייִד איז אויך געווען אַ קלוגער, האָט ער געזאָגט:

„דאָס איז גאָרניט. איך וויל דיך עפּעס פֿרעגן. פֿאַר וואָס שײַנט די זון בײַ טאָג, ווען עס איז סײַ ווי סײַ ליכטיק? בײַ נאַכט, ווען עס איז פֿינצטער, איז זי ניטאָ, און די קליינע לבֿנה דאַרף שײַנען אַליין!"

### דער ליגן

אויף ייִדיש זײַנען דאָ אַ סך מעשׂיות וועגן ייִדן אין באַן. איין מעשׂה דערציילט מען אַזוי:

צוויי ייִדן־קאָנקורענטן האָבן זיך אַ מאָל געטראָפֿן אין באַן.

„שלום־עליכם, ר' דוד."

„עליכם־שלום, ר' יצחק."

„וווּהין פֿאָרט איר, ר' דוד?"

„איך פֿאָר קיין מינסק קויפֿן ווייץ."

ר' יצחק הערט דאָס און שמייכלט.

„פֿאַר וואָס שמייכלט איר, ר' יצחק?"

„איך פֿאַרשטיי ניט, פֿאַר וואָס איר זאָגט מיר אַ ליגן."

„אַ ליגן? וואָסער ליגן? איך האָב אײַך שוין אַ סך מאָל געזאָגט אַ ליגן?"

„גייט, גייט, ר' דוד! איך פֿאַרשטיי אײַך זייער גוט. איר זאָגט מיר, אַז איר פֿאָרט קיין מינסק נאָך ווייץ, איך זאָל מיינען, אַז איר פֿאָרט קיין וואַרשע נאָך מעל. אָבער איך ווייס דאָך, אַז איר פֿאָרט טאַקע קיין מינסק נאָך ווייץ, טאָ פֿאַר וואָס דאַרפֿט איר מיר זאָגן אַ ליגן?"

## דער שפּיגל

„זיידע, פֿאַר וואָס טראַכטן רײַכע מענטשן אַלע מאָל וועגן זיך?" האָט רחל אַ מאָל געפֿרעגט דעם זיידן. „פֿאַר וואָס ווערן זיי אַזוי קאַרג, ווען זיי קריגן אַ ביסל געלט?"

דער זיידע האָט זי צוגעפֿירט צום פֿענצטער און געפֿרעגט: „וואָס זעסטו דורכן פֿענצטער, רחל?"

„מענטשן," האָט רחל געענטפֿערט.

נאָך דעם האָט זי דער זיידע צוגעפֿירט צום שפּיגל. „און וואָס זעסטו איצט?"

„איך זע זיך אַליין," האָט רחל געזאָגט.

„איצט פֿאַרשטייסטו שוין?" האָט דער זיידע געפֿרעגט. „ווען דו קוקסט דורך גלאָז, זעסטו אַנדערע מענטשן, אָבער אויב דאָס גלאָז איז באַדעקט מיט אַ ביסל זילבער, זעסטו נאָר זיך אַליין. און אַזוי איז מיט אַלע מענטשן וואָס האָבן אַ ביסל זילבער."

## שפּריכווערטער

רעדן איז זילבער; שווײַגן איז גאָלד.

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

## VOCABULARY

- • אַזוי' so; thus
- באַדע'קט covered
- • די באַן (ען) railroad, train
- • ביסל: אַ ביסל a little
- • בעטן (געבעטן) to ask (=request)
  - • איך בעט דיך (אײַך) please!
- • דאָס גאָלד gold
- • גיי(ט), גיי(ט)! come now! (*imperative of* גיין)
- דאָס גלאָז glass
- • דאָך you know
- • דורך through
- • דעמאָלט then
- • ווּהי'ן where to
- דער ווייץ wheat
- • דער ווינטער winter
- • דער זומער summer
- • די זון sun
- • דער זיידע (ס) (*acc.-dat.*: זיידן) grandfather
- • זײַן his
- • זיך, זיך אַליי'ן oneself; myself, yourself, *etc., as the case may be*
- • דאָס זילבער silver
- טאָ so; in that case
- טאָג: • בײַ טאָג in the daytime
- • טאַקע indeed, really
- • טראַכטן to think
- טרעפֿן זיך (געטראָפֿן) to meet
- • יצחק [YITSKHOK] *man's name (Yiddish equivalent of* Isaac)
- • די לבֿנה [LEVONE] moon

- • דער ליגן (ס) lie
- זאָגן אַ ליגן to tell a lie
- • ליכטיק light (*opposite of* dark)
- • מיינען to believe
- מינסק Minsk
- דאָס מעל flour
- • נאָך for
- נאַכט: • ביַי נאַכט at night
- • עליכם־שלום [ALEYKhEM-SHOLEM] greeting in answer to שלום־עליכם
- • עפּעס something
- • פֿאָרן (איז געפֿאָרן) to travel; to go (by vehicle)
- • פֿינצטער dark
- • דער פֿענצטער (—) window
- • צו too
- צו'געפֿירט led
- • —ציַיט during (*unstressed suffix, used with names of seasons, holidays, etc.*)
- • קאַלט cold
- דער קאָנקורע'נט (ן) competitor
- קאַרג stingy
- • קויפֿן to buy
- • קוקן to look at
- • קיין to
- • קלוג clever, wise
- ר׳ Mr. (a traditional title [REB] which is not now in general use)
- • רחל *woman's name* [ROKhL] *(Yiddish equivalent of* Rachel)
- • ריַיך rich
- • דער רעגן (ס) rain
- • שוויַיגן (געשוויגן) to be silent
- שיַינען to shine
- • שלום־עליכם [ShOLEM-ALEYKhEM] hello; how do you do?
- • שמייכלען to smile
- • דער שניי snow
- דער שפּיגל (ען) mirror
- • דאָס שפּריכוואָרט (שפּרי'כווערטער) proverb

## QUESTIONS

1. וואָס האָט דער ערשטער ייִד געפֿרעגט דעם חבֿר? 2. צי האָט אים דער חבֿר געענטפֿערט? 3. וואָס האָט דער חבֿר דערציילט?

4. ווו האָבן די צוויי קאָנקורענטן זיך געטראָפֿן? 5. פֿאַר וואָס האָט ר׳ יצחק געשמייכלט? 6. וווּהין האָט ר׳ יצחק געטראַכט, פֿאָרט ר׳ דוד? 7. וווּהין איז ר׳ דוד טאַקע געפֿאָרן? 8. נאָך וואָס איז ער געפֿאָרן?

9. וואָס האָט רחל געפֿרעגט ביַים זיידן? 10. וואָס האָט דער זיידע געטאָן? 11. וואָס האָט רחל געזען דורכן פֿענצטער? 12. וואָס האָט זי געזען אין שפּיגל? 13. וואָס האָט דער זיידע געזאָגט?

14. ווי פֿאַרשטייט איר דאָס שפּריכוואָרט: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״?

## GRAMMAR

### 1. Use of עס as a Subject

עס איז היַינט זייער וואַרעם

עס איז איצט קאַלט און פֿינצטער

In the above sentences, *there is no logical subject,* and the pronoun **עס** serves as the formal, *impersonal* subject. No **עס** is necessary if another sentence unit begins the sentence:

הײַנט איז זייער וואַרעם
איצט איז קאַלט און פֿינצטער

However:

עס גייט אַ רעגן
עס גייט אַ שניי
עס שײַנט די לבֿנה

The sentences in this group do contain logical subjects, namely **אַ רעגן, אַ שניי, די לבֿנה**; yet they are placed after the verb while **עס** takes their place before the verb as the formal subject. In this function **עס** is called *expletive,* since it fills the normal place of the subject.

The meaning of a sentence is, for practical purposes, the same whether the normal or the expletive **עס** construction is used:

אַ מאָל האָט געלעבט אַ מענטש = עס האָט אַ מאָל געלעבט אַ מענטש
Once there lived a man

די ריכטיקע צײַט איז געקומען = עס איז געקומען די ריכטיקע צײַט
The right time has come

אויטאָס זײַנען געפֿאָרן = עס זײַנען געפֿאָרן אויטאָס
Cars were driving by

Observe that if the logical subject is in the plural, the verb is also in the plural.

Expletive **עס** is never used when the logical subject is a pronoun.

**2. פֿרעגן and בעטן**

| | |
|---|---|
| (1) איך האָב זי געפֿרעגט, פֿאַר וואָס זי איז אַזוי קאַרג<br>(2) איך האָב בײַ איר געפֿרעגט, פֿאַר וואָס זי איז אַזוי קאַרג | I asked her (=inquired) why she was so stingy |
| (3) איך האָב געפֿרעגט די מאַמע, וואָס זי טוט<br>(4) איך האָב געפֿרעגט בײַ דער מאַמע, וואָס זי טוט | I asked my mother (=inquired) what she was doing |

**פֿרעגן** means *ask* in the sense of *inquire.* The noun denoting the person asked may be either in the accusative, as in examples (1) and

(3), or in the dative preceded by the preposition בײַ, as in examples (2) and (4) above.

| | |
|---|---|
| (5) בעט זי, זי זאָל קומען<br>(6) בעט בײַ איר, זי זאָל קומען | Ask (=request) her to come |
| (7) בעט די שוועסטער, זי זאָל קומען<br>(8) בעט בײַ דער שוועסטער, זי זאָל קומען | Ask (=request) your sister to come |
| (9) בעט דאָס בוך בײַ דער שוועסטער | Ask (=request) your sister for the book |

**בעטן** means *ask* in the sense of *request*. If the request is expressed in a clause, as in examples (5), (6), (7), and (8), the person who is asked may also be denoted either by a noun in the accusative or in the dative preceded by בײַ. But if an object is requested, as *the book* in example (9), the noun denoting that object is in the accusative (without any preposition), while the person of whom the request is made is denoted by a construction of בײַ plus the dative.

### 3. The Prepositions קיין and אין

| | |
|---|---|
| מיר זײַנען געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק<br>מיר זײַנען געפֿאָרן אין ניו־יאָרק | We went to New York |
| זיי זײַנען געפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט | They went to another city |

**קיין**[1] *to* and **אין** *to* are used interchangeably before *names* of cities and countries, but before common nouns such as "a city," "the city," "a country," "the other countries," etc., only the preposition **אין**, meaning either *to* or *in*, is used.

With **די פֿאַראייניקטע שטאַטן** the preposition is always **אין**:

| | |
|---|---|
| אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן | to the United States; in the United States |

### 4. The Pronoun זיך

| | |
|---|---|
| ער רעדט צו זיך | He talks to himself |
| איך זע זיך אין שפּיגל | I see myself in the mirror |
| מען דערציילט וועגן זיך | One tells about oneself |
| מיר ווילן אײַך דערציילן וועגן זיך | We want to tell you about ourselves |

**זיך** is a pronoun used as the object of a verb or a preposition when the person it refers to is the same as the subject of the sentence.

---

1 Usually [KEN].

איך האָב עס אַליין געזען I have seen it myself
הערשל האָט אַליין געשריבן דעם בריוו Hershl wrote the letter himself

The adverb אַליין is used to emphasize the identity of the subject. Used in conjunction with זיך, it emphasizes the fact that the object is the same person as the subject:

ער רעדט צו זיך אַליין
איך זע זיך אַליין אין שפּיגל

**5. Additional Contractions with דעם**

The following prepositions are also contracted with following דעם, like those enumerated on p. 48:

**ביז דעם = ביזן**
**דורך דעם = דורכן**
**נאָך דעם = נאָכן**
**פֿאַר דעם = פֿאַרן**
**צו דעם = צום**

## EXERCISES

A. Paraphrase the following sentences into constructions with expletive עס:

**1. אַ מאָל איז געווען אַ גרויסע מלחמה. 2. די גאַנצע וועלט קוקט אויף אײַך. 3. קינדער שפּילן זיך אין פּאַרק. 4. אַ סך מענטשן זײַנען געשטאָרבן. 5. גוטע צײַטן דאַרפֿן נאָך קומען. 6. די זון שמייכלט צו אונדז. 7. פֿון זילבער ווערט ניט קיין גאָלד. 8. איין זאַך בלײַבט נאָך. 9. די מענטשן הערן און שווײַגן. 10. די באַנען פֿאָרן. 11. פֿיר חבֿרים ענדיקן צוזאַמען די שול. 12. די נאַכט קומט.**

B. Supply the appropriate form of פֿרעגן or בעטן, as the meaning requires:

**1. די מאַמע האָט ——, איך זאָל עפּעס קויפֿן. 2. נאָך דעם האָט זי ——, וואָס איך האָב געקויפֿט. 3. איך וויל אײַך ——, צי איר זײַט געווען אַ מאָל אין ארץ־ישׂראל. 4. איך —— אײַך, דערציילט מיר וועגן דעם. 5. —— בײַ אים, וואָס ער האָט געטאָן מיטן בוך. 6. —— אים, ער זאָל עס אונדז געבן. 7. —— עס בײַ אים. 8. איך האָב אים ניט ——, פֿאַר וואָס ער האָט זיי ניט געגעבן דאָס געלט. 9. —— רחלען, זי זאָל קומען צו אונדז צו גאַסט, און —— זי, ווען זי קען קומען. 10. צו וואָס דאַרפֿט איר עס האָבן, —— איך אײַך? 11. העלף מיר אַ ביסל, איך —— דיך זייער. 12. דער ברודער האָט ——, איך זאָל אײַך ——, צי ער קען אײַך מיט עפּעס העלפֿן.**

C. Supply the preposition קיין wherever possible; in the remaining sentences, supply אין:

1. מײַן זיידע איז געקומען —— אַמעריקע. 2. נאָך דעם איז ער איין מאָל געפֿאָרן —— אייראָפּע. 3. ער איז געפֿאָרן —— פּוילן און —— די אַנדערע לענדער, ווּ ער איז אַ מאָל געווען. 4. מיר שרײַבן בריוו —— שיקאַגאָ, מען זאָל אײַך העלפֿן. 5. איך דאַרף זײַן אַ וואָך —— דעטרויט. 6. דער פֿעטער איז געפֿאָרן —— מעקסיקע און איז שוין געבליבן —— מעקסיקע. 7. איך שיק געלט און זאַכן —— ישׂראל. 8. איך האָב דאָך משפּחה —— ישׂראל. 9. זומערצײַט איז ער געפֿאָרן —— באָסטאָן מיטן אויטאָ. 10. ער איז געקומען —— די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר דער מלחמה.

D. Translate into Yiddish:

1. I am not speaking to myself; I am speaking to Dovid. 2. The man laughs at (=of) himself. 3. Shloyme himself said so. 4. Rokhl read about herself in the newspaper. 5. We looked at ourselves and laughed. 6. Moyshe must tell you this story himself. 7. Do you want it for yourself or for your (=the) family? 8. My (=the) father wrote this letter himself. 9. He had a beautiful child near him (self). 10. The United States itself is a very interesting country.

E. Translate into Yiddish:

1. This week was a little too cold. 2. In the daytime it rained and at night it snowed. 3. There was no moon. 4. In the winter the sun does not shine too often. 5. Yesterday I was downtown (=in [the] city). 6. In a window I saw [some] interesting, beautiful books. 7. I looked at them and then I decided to buy them. 8. We are asked to be silent. 9. Is this really gold? 10. No, it is only silver. 11. I am (you know) not rich. 12. Today is a bright (=light) day. 13. Give me something to eat, please. 14. Hello, Dovid! 15. Hello, Rokhl, how are you? 16. How is your (=the) whole family? 17. I believe that it can never be done this way (=so). 18. (The) grandfather is a very good man; he always smiles. 19. I believe he is too clever for you. 20. I (myself) think so, too. 21. Is Rokhl your sister? 22. Come now, you know that I have no sister.

## OLDER YIDDISH LITERATURE

The oldest specimens of Yiddish literature are of two kinds. On the one hand there are preserved materials designed as aids in teaching sacred texts; on the other hand, a number of poems have come down to us which date back to the days of the traveling Jewish minstrels of the 14th and 15th centuries, who sang and recited poems about knights, witches, kings, and princes, as well as about beloved Biblical heroes. The names of most authors of that period are unknown today, although the name of one of the greatest is on record: Elyohu Bokher (1469–1549), known among non-Jews as Elia Levita, was a Hebrew scholar of wide repute, as well as a popular Yiddish writer. The oldest Yiddish manuscript bearing a definite date is from 1382; a single Yiddish sentence appears in a Hebrew prayer book of 1272.

The oldest printed Yiddish texts which have survived are from the beginning of the 16th century; older books may have been lost. The earliest printed words in Yiddish known today are contained in a Latin book on Hebrew spelling published in 1514. The earliest known continuous printed text in Yiddish is a poem printed in a *hagode*[2] published in Prague in 1526. It is reproduced here:

אלמעכטיגר גט בויא דיין טעמפל שירי אלזו שיר אין אונזן טג
טאגן שירי יא שירי׃ ברמהערציגר גט גרעכטר גט
דעמטיגר גט הוכער גט ווירדגר גט
זעגפטר גט וקענטר גט זודיסר גט
יוח גוט פרפטיגר גט ועבריגר גט
מעכטיגר גט באמהמטיגר גט עיביגר גט
פארכטעמר גט צארטר גוט קיניגליכר גט
רייכר גט שטרקר גוט הובישט גט
אנ נימט מער אנ בויא דיין טעמפל שירי אלזו שיר אין אונזן
טאגן שירי יא שירי׃

Yiddish Bible translations were made long before printing was invented, and played an important part in the traditional system of

2 A book used during the Passover service, sometimes referred to by its Sephardic-Hebrew form *haggadah*.

education. Many Yiddish versions of the Old Testament and of prayers were published throughout the centuries.[8]

The so-called middle period, including the 17th and 18th centuries, saw the production of hundreds of Yiddish books. Among those published were a great many edifying books (*muser-sforim*), prayer books (chiefly as an aid to those who did not know Hebrew sufficiently), historical poems, community chronicles, etc. The beginning of the 19th century brought forth a dozen or so extremely interesting literary figures, but they are now largely overshadowed by the three classic writers of the modern period—Mendele Moykher-Sforim, Sholom Aleichem, and Peretz.

---

[8] Today the translation by the Yiddish poet Yehoyesh (also spelled Yehoash; 1871—1927) is considered standard and is used whenever quotations from the Bible are cited. It is from that translation that the reading passage in lesson 15, p. 136, has been adapted.